האַרץ, עֶס מוּס אִיהם דאָס האַרץ וויי טהוּן, אוּנ עֶר זִינגט מִיט אַ יאָמעֶר אוּנ אַללעֶ אֶנטפֿעֶרן אִיהם מִיט טרייסט, נוּר עֶר לאָזט זִיך נִישט טרייסטעֶן אוּנ יאָממעֶרט אַלץ מעֶהר אוּנ מעֶהר...

פלוּצלִינג האָט זִיך דוּרך די פריצים מִיט די פֿאַננעֶס דוּרכגעֶרִיסעֶן אַיין אַלטעֶר מאַנן; עֶר אִיז גראָה ווי אַ טויב, נוּר אַ קוֹל האָט עֶר ווי אַ לייב אוּנ — אַ פִיסטאָלעֶט אִין דעֶר האַנד! מִיט כעס האָט עֶר געֶרעֶדט צוּם יוּנגעֶן מאַנן, וואָס האָט געֶיאָממעֶרט, עֶר האָט'ן עֶפּיס געֶפֿראֶגט, אַיין מאָל אוּנ צוויי מאָל, אוּנ דעֶרנאָך האָט עֶר געֶחאַפּט דעֶם פִיסטאָלעֶט אוּנ האָט'ן דעֶר שאָססעֶן אויפֿ'ן אָרט!

אוּנ צוּנד האָט זִיך עֶרשט אָנגעֶהויבעֶן דאָס גיהנם, די פֿאָרהאַנג אִיז אַראָב געֶ-פֿאַללעֶן אוּנ מעֶנשעֶן האָבעֶן אָנגעֶהויבעֶן צוּ פּאַטשין מִיט די האֶנד, צוּ טִיפּפּעֶן מִיט די פִֿיס אוּנ צוּ שרייעֶן אוּנ צוּ מאַכעֶן משוּנה'נעֶ קוֹלות! זיי וויללעֶן געֶווִיס, מעֶן זאָלל זיי אַרוֹיס געֶבעֶן דעֶן אַלטעֶן רוֹצח, זיי ווילעֶן אִיהן אויף שטִיקעֶר צוּרייסעֶן; עֶס ווערט איהר פֿינסטעֶר פֿאַר די אויגעֶן, זי פִֿיהלט, אַז זי וועֶט עֶס נִישט אויסהאַלטעֶן אוּנ לויפֿט אַרוֹיס פֿוּן טעֶאַטעֶר...

דעֶרשראָקקעֶן אוּנ אָן אָטהעֶם אִיז זי קוים צוּגעֶפֿאַללעֶן צוּ דעֶר טהיר פֿוּן דעֶר אֶלטעֶרנס דירה, זי קאֶנן צוּם גלאֶקקִיל נִישט טרעֶפֿפֿעֶן, קלאַפּט זי ביי דעֶר קלאַמקעֶ, נוּר אוּנגעֶוואֶהנליך שטאַרק; דאָס דיעֶנסט-מיידעֶל אֶפֿפֿעֶנט מִיט'ן קִיך-לאֶמפִּיל אִין דעֶר האַנד אוּנ לאָזט עֶס שיעֶר נִישט אַראָב פֿאַר שרעֶקק.

— מלכּה'לעֶ, וואָס אִיז מִיט אַייך, מלכּה'לעֶ?

עֶס בעֶווייזט זִיך די מוּטטעֶר אִין אַיין העֶמד:

— וואָס אִיז געֶשעֶהעֶן, רבּוֹנוֹ של עוֹלם...

— שרעֶק דִיך נִישט, מלכּה'לעֶ, האֶרט זִיך דעֶרווייל דעֶם פֿאָטעֶרס קוֹל. — עֶר אִיז אויך אַרוֹיס פֿוּן בעֶטט אוּנ שטעֶהט אוּנטעֶר דעֶר טהיר — שרעֶקק דִיך נִישט מלכּה'לעֶ, עֶר זִיצט אִין שטִיבעֶל, אִין שטִיבעֶל אִיז עֶר, אִיך בִּין געֶוועֶזעֶן ביי'ן אִיהם... עֶר האָט אַ מזל פֿוּן אַ גוֹי, אפשר 10 גִילדעֶן געֶווִיננעֶן.

אִין עֶטלִיכעֶ טאָג אַרוּם אִיז דוד פֿאַר-נאַכט אַרוּמגעֶגאַנגעֶן אִין שטוּב אוּנ וויטעֶר געֶקלאָגט זִיך, אַז עֶס אִיז אִיהם דוּשנעֶ, אַז מעֶן האָט אִיהן לעֶבעֶנדִיגעֶר הייט אִין אַ קבר אַריין געֶלייגט... אוּנטעֶרוויילִיכטס אִיז צוּ'ן אִיהם צוּגעֶקוּממעֶן מלכּה, זי האָט אִיהם פֿעֶרוואָרפֿעֶן די האַנד אויפֿ'ן האַלז,

---

אַללעֶם אָבהעֶנגִיג פֿוּן דעֶם סִיסטעֶם, לויט וועֶלכעֶן די אַטאָמעֶן האַלטעֶן זִיך אַיינס ביים צווייטעֶן. טהייל ווילעֶן אפילוּ אויף דעֶם אַיינגעֶנעֶם אוֹפֿן אויסטייטשעֶן די עֶרשיינוּנגעֶן ביי פֿלאַנצעֶן אוּנ טהירעֶ, נוּר סיי ווי סיי זוּכעֶן מִיר דעֶן אוּנטעֶרשִיעד צווִישעֶן קאֶרפּעֶר שוין טִיעֶפֿעֶר, בשעת ווען אוּנזעֶרעֶ קִינדעֶר אוּנ דעֶר ווילדעֶר מעֶנש בעֶמעֶרקעֶן פֿאָרעֶרשט די קאָלִיעֶר אוּנ דעֶרנאָך קוים די פֿאָרם פֿוּן דעֶר זאַך! אוּנ מיינעֶן, אַז אַלץ העֶנגט אָב פֿוּן דעֶר קאָלִיעֶר אָדעֶר פֿוּן דעֶר פֿאָרם, וואָס די זאַך האָט.

אַ קִינד, וואָס ברִיהט זִיך אָב אִין פֿייעֶר קרִיגט מורא פֿאַר אַללעֶם, וואָס עֶס אִיז רויט; ווען עֶס האָרט שוין אויף צוּ שמאָטשקעֶן שטיין אוּנ ביין, זִיהט עֶס נאָך ביים פִינגעֶר, ווייל עֶס אִיז אֶהנלִיכעֶר צוּ דעֶר ברוּסט...

בכלל אִיז דעֶר ווִילדעֶר מעֶנש, ווי אויך אוּנזעֶרעֶ קִינדעֶר אוּנ אוּנגעֶבִילדעֶטעֶ מעֶנשעֶן, זעֶהר לייכט צוּם פֿעֶרגלייכעֶן אוּנ זעֶהר שווער צוּם אוּנטעֶרשיעֶדעֶן. קוים געֶפִֿינט מעֶן עֶפִּיס אַיין אֶהנלִיכקייט פֿוּן אַיין זאַך צוּ דעֶר צווייטעֶר, אִיז עֶס שוין דאָס זעֶלבעֶ, אַ באָרשטעֶל האָט האָאָר, אוּנ אַ קִינד האָט האָאָר, אִיז אַ באָרשטעֶל אַיין אויסגעֶצייכעֶנטעֶ פּוּפּפּעֶ; ביים ווִילדעֶן זעֶננעֶן די וואָלקעֶן סטאַדעֶס פֿוּן שאָפּסעֶן; ביי'ם פראָסטעֶן פֿאָלק האָרט מעֶן גאַנץ אָפֿט אַזאַ געֶשפּראָך: „וואָס האָט דעֶר דאָקטאָר פֿעֶרשרִיבעֶן?" „אַ וויים פֿלאָשעֶלעֶ"... „גִים מִיר אויך אָב אַ בִּיסל, מיין יוּנגעֶל האָט אויך היץ". די רפוּאה, מיינעֶן זיי, שטעֶקט אִין דעֶר קאָלִיעֶר, אָדעֶר, על כּל פּנים, אַז יעֶדעֶ רפוּאה מוּז האָבעֶן אִיהר קאָלִיעֶר. די ווִילדעֶ מעֶנשעֶן, וואָס האָבעֶן דאָס עֶרשטעֶ מאָל ביי די

צוּגעֶבויגעֶן דאָס ברעֶנעֶנדִיגעֶ פּנים צוּ זיינעֶ אויערעֶן אוּנ מִיט אַ צִיטטעֶרדִיג קוֹל אַיינגעֶ-רוימט: — ווִעֶלל-מִיר געֶהן אִין טעֶאַטעֶר אַריין? אַ יאָ דוד'ל.

עֶר האָט זי אָנגעֶחאַפּט, אויפֿגעֶהויבעֶן אוּנ אָנגעֶהויבעֶן מִיט אִיהר אַרוּמטאַנצעֶן אִין שטוּב...

אִין מִיט'ן טאַנצעֶן רוימט זי אִיהם וויטעֶר אַיין:

— אַז דוּ ווִילסט, מאָגסט דוּ אויסטהוּן דעֶן טלית קטן.

— נאָך וואָס? פֿרעֶגט עֶר פֿעֶרווִינדעֶרט.

סאוואצקא פצרל.

ש. ראפפאפארט.

די כְּתָבִים.

אִין אַ קלײן נִידעֶריג צִיממעֶררִיל אויף אַיין אויבעֶרשטִיבִיל אִיז געֶזעֶסעֶן אַ יוּד פֿוּן אַ יאָהר 50—55; אַ דאַרעֶר, מִיט אַ לאַנגעֶר נאָז, גרויסעֶ אויגעֶן, געֶדִיכטעֶ ברעֶמעֶן אוּנ אַ ברייטעֶן געֶקנייצטִין שטעֶרִין אוּנטעֶר אַ פֿעֶרשמאָלצעֶנעֶר יאַרמוּלקא, אוּנ מִיט אַ פּאָר לאַנגעֶ, דִינּנעֶ פּאוֹת, וואָס האָבעֶן זִיך אַראָבעֶגלאָזעֶן אִין די זייטעֶן בִּיז צוּ דעֶר צוּפֿלאָססנעֶר באָרד.

דאָס אִיז געֶוועֶן יעֶנקִיל עֶטִיל'ס, דעֶר קאַלִינאָוועֶר קרעֶצמעֶר, אָדעֶר — רִיכטִיגעֶר געֶזאָגט — דעֶר קאַלִינאָוועֶר קרעֶצמעֶרִינס מאַן.

דאָס צִיממעֶרִיל אִיז געֶוועֶן קלײן אוּנ האַלב פֿינסטעֶר. זיין מעֶבעֶל אִיז בעֶ-שטאַנּעֶן פֿוּן אַ בעֶטִיל, אַ קלײן טִישִיל, אַ באָנקעֶל אוּנ אַיין אַלמעֶר מִיט ספרים.

יעֶנקִיל אִיז געֶזעֶסעֶן ביים טִיש, פֿעֶרטִיפֿט אִין אַ גרויס ספר, עֶר האָט זִיך נִיט געֶרִירט פֿוּן אָרט; נוּר פֿוּן צייט צוּ צייט פֿלעֶגעֶן זִיך ביי אִיהם די קנייצעֶן אויפֿ'ן שטעֶרן אויסגלייכעֶן דעֶר פֿעֶרטראַכ-טעֶר בלִיק פֿלעֶגט זִיך אָברייסעֶן פֿוּן ספר אוּנ קוּקעֶן אִין פֿעֶנצטעֶרִיל, דוּרך וועֶלכעֶן עֶס האָט זִיך מעֶהר נִישט געֶזעֶהעֶן, ווי אַ שטִיק בלאָעֶר הִיממעֶל. באַלד אָבעֶר פֿלעֶגט זִיך דעֶר שטעֶרן נאָך שטאַרקעֶר פֿעֶרקנייצעֶן אוּנ די אויגעֶן צוּרִיק אָנהייבעֶן לויפֿעֶן אִיבעֶר די קלײנעֶ אותיות פֿוּן די געֶדִיכטעֶ שוּרות אִין אַ גרויסעֶן ספר.

אפשר אַ שעה אִיז געֶזעֶסעֶן יעֶנקִיל אִיבעֶר דעֶם זעֶלבעֶר בלאַט, ביי דעֶם זעֶלבעֶן ענין, וואָס עֶר האָט עֶטלִיכעֶ מאָל אִיבעֶרגעֶטראַכט. עֶנדלִיך, נִיט אַראָבלאָזעֶנ-דִיג די אויגעֶן פֿוּן ספר, האָט עֶר זִיך לאַנגזאַם אויפֿגעֶהויבעֶן, געֶגעֶבעֶן אַ טרִיטט

אייראָפּעֶער בעֶקוּמעֶן אַייזעֶן אִין געֶשטאַלט פֿוּן נאָגעֶל, שלִיססעֶל אָדעֶר רִינגעֶן... האָבעֶן זיי עֶס פֿעֶרזייעֶט; אַז די עֶרד גִיט אָב דעֶן זאָמעֶן מִיט אַזוינעֶ פּראָצעֶנט, וועֶט זי מִיט נאָגעֶל, שלִיססעֶל אוּנ רִינגעֶן אויך דאָס זעֶלבעֶ טהוּן.

אוּנ — אויב אַלץ האָנגט אָב פֿוּן דעֶר אֶהנלִיכ-קייט, אִיז קיין ווִינדעֶר נִישט, אַז ביי דעֶר קלעֶנסטעֶר אֶהנלִיכקייט פֿוּן אַ מעֶנש בִּיז אַ טהִיעֶר — האָט מעֶן געֶ-גלייבט, אַז עֶר אִיז אַ בער, אָדעֶר אַ לייב, לויט דעֶם צוּ וועֶלכעֶן עֶר אִיז אִינּעֶרלִיך (מִיט'ן כאַראַקטעֶר) אָדעֶר אויסעֶרלִיך (מִיט'ן פּנים) אֶהנלִיך געֶוועֶזעֶן; נאָך זיין טוֹיט, האָבעֶן זיינעֶ ווייבעֶר אוּנ קִינדעֶר נִישט געֶטאָרט עֶססעֶן לייבעֶן אָדעֶר בעֶרעֶן-פֿלייש, ווייל זיי וואָלטעֶן געֶגעֶססעֶן זייעֶרעֶ קרוֹבים... ביי גאַנצעֶ שטאַממעֶן ווערעֶן פֿעֶרשִיעדעֶנעֶ טהִירעֶ גערעֶכעֶנט פֿאַר „אָבות"

אוּנ דאָס טהִיעֶר, פֿוּן וועֶלכעֶן מעֶן קוּמט אַרוֹיס, אִיז „ט אָ ט עֶ ם" (הייליג, פֿעֶרוועֶרט) אוּנ מעֶן טאָר עֶס אִין דעֶם שטאַמם נִישט טוֹיטעֶן, נִישט עֶססעֶן; אַללעֶ אַלטעֶ נאָמעֶן פֿוּן מעֶנשעֶן האָבעֶן דעֶרִיבעֶר די בעֶדייטוּנג פֿוּן טהִירעֶ. אַ געֶווִיססעֶ צייט האָט מעֶן געֶהאַלטעֶן אִין אַייראָפּאַ אַ געֶווִיססעֶ פֿלאַנץ „עֶאוּפֿ-ראַזיאַ" פֿאַר געֶזוּנד צוּ די אויגעֶן, ווייל אִיהרעֶ בלִיטהעֶן האָבעֶן די פֿאָרם פֿוּן אויגעֶן.

ביי דעֶם ווִילדעֶן מעֶנש שפִּיעלט דעֶרִיבעֶר נוּר קאָלִיעֶר אוּנ פֿאָרם די ראָלעֶ. עֶר מיינט אַז פֿעֶרשִיעֶ-דעֶנעֶ קראָפֿטעֶן האַלטעֶן זִיך אִין פֿעֶרשִיעדעֶנעֶ פֿאַרבעֶן אוּנ פֿעֶרשִיעדעֶנעֶ פֿאָרמעֶן.

טהייל מאָל ווִילל עֶר מאַכעֶן נאָך עֶפִּיס בעֶס-סעֶרס אוּנ שטאַרקעֶרס פֿאַר דעֶר נאַטוּר; עֶר ווִילל פֿעֶראַיינִיגעֶן אַיינִיגעֶ פֿאָרמעֶן צוּ זאַממעֶן, נעֶמעֶן

צו דעם אַלמער, וואָס איז געשטאַנען נאָהנט ביים טיש, האָט אַרויס גענוממען פון אַ גאַנצען הויפען צוואָרפענע, פערשריבענע, גרויסע און קליינע שטיקליך פאַפיר, געלעגט זיי אויפ'ן טיש, האָט זיך געזעצט און ווידער פערטראַכט איבער'ן ספר. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער גענוממען די פאַפירען, האָט זיי לאַנגזאַם פאַנאַנדערגעקליבען, אויסגעקנייטשט, צוזאַממען געלעגט, דורכגעקוקט, האָט אויפגעזוכט דאָס לעצטע ניט דערשריבענע בלאַט, און האָט צוגעריקט צו זיך דעם טינטער מיט דער גענזענער פען און האָט געשווינד אָנגעהויבען צו שרייבען.

— יאַנקיל! יאַנקיל! — האָט זיך דערהערט פון אונטען אַ געזונטע ווייבערשע שטיממע

יאַנקיל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שטהול, ווי צום לויפען. נור ער איז געבליבען אַזוי שטיין איינגעבויגען איבער'ן טיש, און, ניט ענטפערענדיג, האָט ער ווייטער און נאָך געשווינדער געשריבען.

— יאַ-יאַ-יאַנקיל!! מען קען זיך איהם ניט דעררופען! — האָט זיך ווידער דערהערט די זעלבע שטימע, שוין העכער, מיט צאָרן.

יאַנקיל האָט זיך גיך אויסגעגלייכט, האָט אַוואָרף געטהון די פען און איז געשווינד אַראָבגעלאָפען אין קרעציס — אַ גרויסע בלאָטיגע שטוב, פערפוילט, פולל מיט פויער'ן, וואָס האָבען גערעדט און געטומולט. עטיל, די קרעצמערין — אַ נידריגע דיקע יודענע, איז געשטאַנען ביים שענק-טיש און געמאָסטען בראָנפען.

יאַנקיל איז צוגעגאַנגען צום שענקטיש. נור דאָס איז שוין ניט געוועזען דער פריהערדיגער יאַנקיל: זיין פנים, אויף וועלכען עס האָבען זיך נאָר וואָס אָבגעשפּיגעלט הויכע געדאַנקען, איז געוועזען יעצט פערביטערט, ערשראָקען; די גרויסע פערטראַכטע אויגען האָבען געקוקט מיט אַ געבעט, רחמנות'דיג.

— קום אַמאָל! — האָט זיך אָנגערופען מיט כעס די שענקערין — פערקריכט ער צו זיך אַרויף, קען מען זיך איהם ניט דעררופען... נאַ, נעם און פאָר אַריבער מיט איוואַנען צו איהם אין דאָרף, ער וועט דיר געבען אַ פוד פלאַקס... זאָלסט אָבער זעהען, וואָס ער וועט דיר געבען, הערסט? וועסט דאָרטען איבערנעכטיגען ביים שוחט און וועסט מאָרגען ברענגען צוטראָגין.

יאַנקיל האָט זיך נאָך מעהר איינגעהויקערט, זיין פנים איז געוואָרען נאָך רחמנות'דיגער און ער האָט אַרויסגעשטאַממעלט שטיל:

דאָס שאָנסטע און דאָס בעסטע פון אַללערליי מינים און מאַכען דערפון איינס! זיין אידעאַל האָט געקאָנט זיין: דער עקק פון וואַללפיש, די גרויזע פון אַ לייב, די פיסס פון אַ בער, און אַ קאָפּף, פון אַ שאָן ווייב — גאַנץ אָפט האָט מען פערגאָטטערט די געשטאַלט פון איין עלעפאַנט מיט פליגעל פון איין אָדלער! און הונדערטער, און טויזענדער יאָהרען האָט די קונסט אַזעלכע פאַנטאַזיען געשניצט... און עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז קוים איז דעם ווילדען מענש אַרויס עפּיס שראָקליכס און שטאַרקס פון דער האַנד, איז ער אַליין נתפעל געוואָרען פאַר זיין אייגען ווערק, איז ער געפאַללען אויף די קניע און האָט פערגאָטטערט זיין אייגענע אַרבייט; ווייל אין דער פאָרם שטעקט די קראַפט, וואָס מען קאָנן בענוצען, אויסבעטלען, אויסוויינען, אויסקניען...

נור סיי ווי סיי אַלץ איז אַ פאָרם, און אַללע פאָרמען זענען נאָסטען, וואו עס האַלטען זיך די אַללע קראַפטען, וואָס בעווייזען זיך און שרעקקען איהן פון אַללע זייטען!

וואו ער וואַרפט זיינע אויגען, רייסען זיך אַרויס פון דער ערד פערשיעדענע געוויקסען; דאָס קלענסטע ביימעל טרייבט זיינע וואָרצלען אין דער ערד אַריין טיעף, טהייל שפּאַלטען דורך שטיינער; דאָרט שפרינגט אַראָב אַ שטיק ערד פון אַ באַרג; אין יענער זייט רעדט עפּיס און רוישט דער וואַלד, דאָ ווייטער ברוכט און באָזערט זיך אַ טייך — אין אַללע זייטען זענען פולל בעהאַלטענע כחות, און ער קומט צו'ן אַ פעסטע דעה, אַז אַלץ, וואָס ער זעהט, איז נור נאָסטען, וואו עס וואָהנען בעהאַלטענע רוחות און גייסטער! און אַ והא ראיה — די

— איך בין... ניט קיין גרויסער מבין... איך וועל אפשר...

נור די שענקערין האָט איהם איבערגעשלאָגען.

— „וועסט אפשר"! וואָס וועסטו אפשר — האַ? וועסט אפשר אַ מיתה משונה איינעמען? אוי, לא יוצלח! צו וואָס דו זאָלסט זיך ניט צוריהרען — פירסט דו דאָך איבער! צו וואָס דו זאָלסט זיך ניט נעמען, מאַכסט דו קאַפויר מיט די פיס!...

יאַנקיל האָט מיט אַ פערבאָרגענעם זיפץ אַ קוק געטהון אויף דער טיר פון זיין קאַממערל.

— אַ-אַ! עס ציהט דיך שוין אַהין? דו קוקסט שוין? דאָרטען איז וואַרעמער? איי, אַז גאָטט וואָלט מיך אויסגעלייזט פון דיר מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, וואָלט איך אפשר געוויסט, אַז איך לעב אויף דער וועלט!...

יאַנקיל שווייגט, ער ריהרט זיך נישט פון אָרט,

נו, וואָס שטייסט דו? דער גוי וואַרט דאָך! נעם שוין, ליימענער גולם, חאַפּ אויף דיר דאָס פוטער, און פאָהר; אָבער געדענק זשע, וואָס איך זאָג דיר: זעה, דאָס צעהנטע מאָל זאָג איך דיר, זעה, ער זאָל דיר געבען סחורה, ניט קאָסטרע! ווייסט דאָך, אַז אַ גוי איז אַ גנב, בפרט נאָך, אַז ער גיט דאָס פאַר איין אַלטען חוב...

רעדענדיג, האָט זי איהם דערלאַנגט דאָס פוטער און דאָס היטעל. יאַנקיל האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועקגעפאָהרען.

אויף מאָרגען, אַזיינער צוועלף ביי טאָג, איז יאַנקיל אַריין אין קרעטשמע, דורכגעפרוירען, פערמאַטערט, בעדעקט מיט שניי, און מיט אַ זאַק אויף די פלייצעס.

— געשווינד געקוממען! ניטאָ וואָס צורעדען! — האָט איהן עטיל בעגעגינט — נאָך דעם מלאך המות דאַרף מען דיך שיקקען... נו, ווייז אָקאָרסט, וואָס האָסטו דאָרטען געבראַכט!

נור ווי זי איז צוגעגאַנגען צום זאַק, האָט זי זיך אַחאַפּ געטאָן פאַר'ן קאָפּף.

— געוואַלד!! גזלן!! אָט דאָ איז פאַר 6 רובל פלאַקס?! איי, אויסגעריסען זאָלסטו ווערען! גולם! וואָס האָסטו דאָס געבראַכט?! דאָס איז דאָך קאָסטרע!! נאַרר! נאַ-אַר!! — האָט זי געשריען אויסער זיך, און אויסגעשטעלט ביידע פויסטען.

יאַנקיל איז געשטאַנען ווי אַ פערמשפטער, מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּף און האָט געשוויגען. עטיל האָט געשריען, געשאָלטען און ענדליך אַ געשריי געטהון מיט האַסס.

נו, שטייסט נאָך? אַוועק פון מיינע

קאָרפּער זענען נישט אין איביגע בעוועגונג, ערשט איז דער שטיין געפלויגען, פון אַ גייסט (אַ ווינד) געיאָגט, צונד ליעגט ער ווי אַ גולם, ווי אַ טויטער... טהייל מאָל איז דאָס וואַססער רוהיג און טויט, טהייל מאָל איז שטילל און שטום דער וואַלד.

מיר האָבען שוין דערמאַנט, אַז דעמעלט איז נאָך דער מענש נישט אַזוי שטאָלץ געוועזען ווי היינט! פערקעהרט, ער האָט זיך געגען דער נאַטור געפיהלט ווי דער שוואַכסטער וואָרם! עס האָט זיך איהם נאָך נישט געחלומט, אַז ער וועט אַמאָל איבער אַללעם הערשען, אַללעם רעגולירען, אַז עס וועט זיך אין איהם אויפוועקען אַ ווילען, וואָס וועט זיך אויסגיעסען איבער דער גאַנצער ערד און אַללע איהרע כחות וועללען זיין זיינע משרתים... דעמעלט איז ער נאָך געשטאַנען געגען דער נאַטור אונבעהאָלפען, אונגעלומפערט... און דעריבער האָט ער אַלץ פערגאָטטערט, ווייל אַלץ האָט איהם געדראָהט, ער האָט זיך פאַר אַללעם געשראָקקען! און דעריבער האָט ער איבעראַלל געזעהען נאָך מעהר ווי איינפאַך לעבען!

עס איז שווער זיך פאָרשטעללען, ווי אַזוי דער ערשטער מענש, מיט'ן נאָך פערשלאָפענעם און טונקעלעם שכל, האָט זיך געפיהלט אויף דער אונבעקאַנטער, וואונדערליכער וועלט, מיט איהרע טויזענדער בעהאַלטענע כחות, וואָס לאָקקערן אויף זיין לעבען. דאָס, וואָס אונזער יונגע קינדער אָדער אַלטערע נור אומגעבילדעטע, אָדער נערוועזע מענשען, פיהלען, בשעת זיי בלייבען אַלליין אין דער פינסטער, קאָנן אונז געבען קוים די שוואַכסטע פאָרשטעללונג פון דער שרעקק, וואָס דער ערשטער

אוינען, · גולם! ער ווארט נאָך, דער קאַליקע ! !

יענקיל האָט זיך שטיל אַוועקגעשלעפּט צו זיך אין צימערל.

שטילל איז ער אַריין אין צימער, שטיל איז ער צוגעגאנגען צום טיש, האָט זיך אָנגעלעהנט אויף איהם, האָט אונטערגעשפּאַרט די קאָפּף מיט די האַנד און פערקוקט זיך אוממוטיג אין פענצטער. כמעט אַ שעה איז ער אַזוי געשטאַנען איבערגעבויגען ניט רירענדיג זיך פון אָרט, ער האָט צוויי דריי מאָל אָבגעזיפּצט טיעף און פערשטיקט.

אופ'ן טיש איז אַלץ געווען, ווי ער האָט געלאָזען, נור די פּאַפּירען האָבען געפעהלט. יענקיל האָט דאָס ניט בעמערקט און איז אַלץ געשטאַנען און געטראַכט. ענדליך האָט ער זיך אַקערגעטאָן, איז צוגעגאַנגען צו דער אַלמער און האָט זי געוואָלט עפענען. פּלוצלינג האָט ער בעמערקט אויף דער פּאָדלאָגע אַ שטיקעל פערשריבען פּאַפּיר. ער האָט עס אויפגעהויבען, אַ קוק געטאָן, איז צוגעגאַנגען צום טיש, און, דערזעהענדיג, אַז דאָרטען זיינען ניטאָ די פּאַפּירען, האָט ער זיי גענוממען זוכען מיט גרויס אומרוה. ער האָט אויפגעהויבען דאָס ספר, איבערגעקוקט און איבערגעשאָקעלט אַלץ, וואָס איז געווען אופ'ן טיש — די פּאַפּירען זיינען ניט געווען.

— וואָהין האָבען זיי געקענט אַהינקומען? איך האָב זיי, דוכט זיך, געלאָזט אויפ'ן טיש — האָט ער אַרויסגערעדט פאַר זיך.

מיט ציטטערענדע האַנד האָט ער איבער געוואָרפען אַללע ספרים אין אַלמער — ניטאָ! ער האָט איבערגעקערט אַלץ, וואָס עס איז געוועזן איז צימעריל — אומזיסט! די פּאַפּירן זיינען ערגיץ אַוועק געקוממען.

דאָס האַרץ האָט ביי יענקלען שטאַרק געקלאַפּט, האָנט און פיס האָבען איהם געציטטערט, ער איז געבליעבען אין מיט'ן צימער, ווי פערשטיינערט, מיט גרויס־אויפגעריססענע אויגען, בלייך און ערשראָקען:

— אפשר האָט זי זיי געזעהען? ... האָט ער ענדליך אַרויסגערעדט מיט אַציטטערענדע שטיממע און האָט זיך געווענדט צו דער טיר. נור ער איז ניט אַרויסגעגאַנגען. ער האָט ווידער אָנגעהויבען זוכען. עטליכע מאָל איז ער אַזוי צוגעגאַנגען צו דער טיהר, און יעדעס מאָל האָט ער זיך אַלץ אומגעקערט צוריק און נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל איבערגעקוקט און איבערגעזוכט אין יעדען ווינקעלע. ענדליך האָט ער זיך געמאַכט אַ האַרץ און איז אַראָב אין שענק אַריין. עטיל האָט געגרייט צום טיש און האָט איהן ניט בעמערקט.

מענש האָט געהאַט פאַר דער נאַטור!

די אידעע, אַז אַללעס לעבט, וואַלגערט זיך נאָך אַרום אין אונזער פּאָעזיע, וואו די בוימער האָבען צווישען זיך סודות, די טייכליך שמועסען מיט דער לבנה, דער הימעל וויינט מיט טרערען וכו' וכו' זי איז אויך נאָך נישט אין גאַנצען אַרויס־געטריבען פון דער פילאָזאָפיע! אַסך רעכענען: אַז לעבען שטעקט איבעראַלל, וואו מיר זעהען קראַפט און בעוועגונג.

און קראַפט און בעוועגונג האָט דער ערשטער מענש געזעהען געננוג אַרום זיך!

היינט ווייסען מיר, אַז אין דער נאַטור ווערט קיין זאַך נישט פערלוירען, דער קלענסטער שטויב ווערט נישט צו נישט! די פיזיק לערנט אונז, אַז דאָס אַללעס, וואָס ווערט אונז פערשוואונדען, ווי למשל אַ ליכט וואָס האָט אויסגעברענט; וואַססער, וואָס האָט אויסגעפּאַרעט; אַ זאַך וואָס איז צושטויבט געוואָרען, אַז דאָס אַלץ איז נישט געגאַנגען לאיבוד, נור דערפון זענען געוואָרען אַזוינע קערפּער, וואָס מיר ווערען פון זיי מיט אונזערע 5 חושים נישט געוואָהר; צו טהייל דאַרפען מיר אַ שפּאָקטיעף, מיר זאָללען זיי דערזעהן, צו אַנדערע מוזען מיר בענוצען חעמישע, קונציגע המצאות, מיר זאָללען זיי דערקאָנגען; מיט'ן שפּאָקטיעף דערזעהען מיר די קלענסטע ברואים, וואָס לעבען און מעהרען זיך אין דער לופט און וואַססער, און מיט חעמישע מיטטעלן ווערען מיר געוואָהר פון לופט און פערשידענע גאַזען... און היינט איז אונז לייכט צו בעווייזען, אַז אַלץ, וואָס ווערט פערשוואונדען פער־

עטליכע מינוט איז ער געשטאַננען און געקוקט אויף איהר, ענדליך האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַהייזעריגער שטיממע:

— עטיל ...

דערהערענדיג אַזאַ שטיממע, האָט זיך עטיל דערשראָקין און געשווינד זיך איבערגעדרעהט. נאָר, דערזעהענדיג יענקלען, האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ באַזען שמייכעל:

— וואָס איז? עסען פערוועלט? אַ? האָסט דאָך, שוין פערדינט אַ וואַרמעס, בעל־מפרנס מיינער!

— ניין... האָט זיך יענקיל אָבגערופען שטיל — צו האָסטו ניט געזעהען די כתבים, וואָס זיינען געלעגען ביי מיר אופ'ן טיש?...

זיין קול איז געווען אַזאַ רחמנות'דיגער, אַז עטיל האָט איהם געענטפערט גאַנץ ווייך:

— כתבים? ... איך ווייס ניט... אַ־אַ! יע! נעכטען האָב איך דאָרטען ביי דיר גענוממען עפּעס שטיקלעך פּאַפּיער: איך האָב געדאַרפט איינוויקלען טאַביק און הערינג...

ביי יענקלען איז דאָס האַרץ איינגעפאַללען.

דו האָסט אַלץ... פאַרטאָן...? האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— ווייס איך? גיב אַ קוק אונטער'ן שענק טיש: דאָרט מוזען נאָך ליגען עטליכע שטיקלעך...

יענקיל האָט זיך אַוואָרף געטאָן צום טיש. ער האָט איבערגעזוכט אומעטום און האָט געפונען אַ פּאָר בלעטלעך פון זיינע כתבים. נאָר זיי זיינען געוועזן אַזוי פערשמירט אין הערינג־ראָסיל, אַז ער האָט זיי נישט געקענט פאַנאַנדערקלייבען.

— עטיל! — האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריססען אַביטערער יאָממער. — זאָג, וועמען האָסטו אַוועקגעגעבען די כתבים! האָב רחמנות!

— איך געדענק זייער וועמען! גוים! — האָט זי געענטפערט רוהיג און פאַרגעזעצט. — וואַש זיך, מיר וועללען עססען וואַרמעס.'

— עטיל! האָט יענקיל ווידער אַרויסגערעדט מיט אַווייגענדער שטיממע — עטיל, איך וועל דיר דריי טעג ניט עססען — זאָג, וועמען האָסטו אַוועקגעגעבען די כתבים!

עטיל איז שוין אין כעס געוואָרען:

— דער איבערשטער זאָל אויסהיטען, אַז דער שוטה ציעפּעט זיך צו! וואָס ביסטו צוגעשטאַנגען ווי אַ סמאָלע? איך ווייס ניט און אַ סוף! לייימענער גולם! אָט איז דיר אַ טאַטע פון קינדער, אַ בעל הבית, אַ בעל מפרנס!

יענקיל האָט ניט געהערט איהרע רייד און האָט זיך מיט אַפערקלעמט האַרץ צוריק געשלעפּט צו זיך אין צימער. ער האָט ניט געהערט, ווי זי האָט איהם נאָכגעשריען: „איז וואָס, גייסט ניט וואַרמעס עססען?" ער האָט ניט געהערט, ווי זי האָט איהם נאָכגעשיקט אַ קללה, ער איז אַרויף צו זיך אין צימער, איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך אָן כוחות אַראָבגעלאָזט אופ'ן שטול. שטיללע, הייסע טרערען האָבען זיך אָנגעהויבען גיסען פון זיינע אויגען און זיין פערמאַטערטער קאָפּף האָט זיך אַלין נידעריגער אַראָבגעלאָזט איבערן ספר...

איבערגעזעצט פון

א. רייזן.

שווינדט נור פאַר אונז, בשעת ווען די נאַטור אַלליין האָט קיינמאָל קיין היזק נישט, בשעת ווען איהר מאַטעריע ווערט קיינמאָל נישט מעהר, נישט ווייניגער, די מאַטעריע בעקומט נור איין אַנדערע פאָרם, איין אַנדערע צורה — היינט ווייסען מיר שוין אַז פון די פערשוואונדענע זאַכען ווערען פערשידענע לייכטע גאַזען...

(פ"פ).

ד"ר שיטלער.